# וכל אשר לרעך

דער סוף פון די עשרת הדברות איז: "**וכל אשר לרעך**"[1]. עס שטייט אין ספרים[2] אַז די עשרת הדברות האָבן 620 אותיות. די ערשטע 613 אותיות זיינען אַנטקעגן די 613 מצוות מן התורה, און די לעצטע זיבן אותיות, פון די ווערטער "אשר לרעך", זיינען אַנטקעגן די זיבן מצוות דרבנן.

און דאָס לערנט אונז די וויכטיקייט פון אַלע מצוות, אפילו מצוות מדרבנן, אַז זיי אַלע דאַרף מען פאָלגן אין דעם זעלבן אופן ווי דעם ערשטן דיבור "אנכי ה' אלקיך"[3].

**קינדער קענען אויך מקיים זיין דעם ציווי פון "ושננתם לבניך" – דורך דעם וואָס איין קינד לערנט מיטן צווייטן קינד**

נאָך מער: דער פשוט'ער טייטש פון די ווערטער "וכל אשר לרעך" מיינט – די פאַרמעגנס פון דיין חבר. און דאָס לערנט אונז, אז ניט נאָר דאַרף מען זיין אויסגעהיט צו מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס מצוות, און ניט נאָר דאַרף מען זיין אויסגעהיט פון צו אָנרירן דעם געזונט פון אַ צווייטן אידן, פון זיין קערפער אָדער נשמה, נאָר אפילו זיינע פאַרמעגנס טאָר מען ניט אָנרירן.

און דער פסוק שטרייכט אונטער "**וכל** אשר לרעך": ניט נאָר טייערע זאַכן, ווי כסף זהב און נחושת, נאָר **יעדע** זאַך וואָס געהערט צו "רעך", אפילו אויב עס איז מער ניט ווי אַ שוה פרוטה, איין "פעני", וואָס ביי זיין חבר האָט עס ניט קיין חשיבות! אויב נאָר עס איז ניט דיינע נאָר עס באַלאַנגט צו "רעך", איז אַ איד אָפּגעהיט פון צו אָנרירן דאָס פונקט ווי ער איז מקיים אַלע מצוות פון אויבערשטן.

און וויסנדיק אַז דאָס איז אַן אָנזאָג פון אויבערשטן, איז אָט די שליחות ביי אים טייער און ער פילט זיך גליקלעך איר צו

מקיים זיין, פונקט ווי די טייערקייט פון זאָגן "שמע ישראל"[4] וואָס רעדט וועגן דעם כבוד פון אויבערשטן און "ואהבת את ה'"[5] – וועגן ליב האָבן דעם אויבערשטן.

אַ איד דאַרף מקיים זיין אַלע מצוות פון דער תורה, אָן קיין אונטערשייד, סיי די גרויסע מצוות ווי "אנכי ה' אלקיך" און סיי מצוות וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט אַ "פרוטה" וואָס באַלאַנגט צו אַ צווייטן אידן. ווייל זייענדיק אַ מצוה פון אויבערשטן פאַרנעמט עס ביי אַ אידן דעם שטאַרקסטן און חשוב'סטן ארט.

**יעדע זאַך וואָס געהערט צו "רעך", אפילו אויב עס איז מער ניט ווי איין "פעני", איז אַ איד אָפּגעהיט פון צו אָנרירן דאָס**

און דאָס איילט צו די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס דעמאלט וועט ערפילט ווערן די תפילה און בקשה פון משה רבינו, וואָס ווערט דערציילט אין אָנהויב פון אונזער פרשה – אַז ער וועט אַריינגיין אין ארץ ישראל, צוזאַמען מיט אַלע אידן פון זיין דור[6] און צוזאַמען מיט אַלע אידן פון אַלע דורות, תיכף ומיד.

(י"ג מנחם אב תנש"א)

1) ואתחנן ה, יח. 2) תורת העולה להרמ"א חלק ג פרק לח. וראה לקוטי שיחות חלק כט עמוד 110. 3) ואתחנן שם, ו. 4) ואתחנן ו, ד. 5) שם, ה. 6) ראה במדבר רבה פרשה יט, ג.